בס"ד

געקליבענע געדאנקען אויף די פרשה

# פון פלאצקער גאון

הגאון רבי ארי' לייב צינץ זי"ע

**אויף אידיש**

פרשת תזריע-מצורע
תשפ"ה
גליון קמ"א
שנה ד'

## פרשת תזריע

### די תורה וויל אויסדרוקן אז די אידישע קינדער זאלן נאר זיין 'בני קיימא'

**ובמלאת ימי טהרה לבן או לבת... זאת תורת היולדת לזכר או לנקבה.** (יב, ו-ז)

לכאורה דארף מען מדייק זיין, ווייל אנפאנג פרשה שטייט **וילדה** "**זכר**" און **ואם** "**נקבה**" **תלד**, אזוי אויך ענדיגט צו דער פסוק צום סוף: **זאת תורת היולדת** "**לזכר או לנקבה**", איז פארוואס ביי "**ובמלאת ימי טהרה**" שטייט "**לבן או לבת**" און נישט "לזכר או לנקבה"?

קען מען זאגן, אז "בן" און "בת" מיינט א "בר קיימא" וואס איז שוין ארויס מכלל חזקת נפל, אזוי ווי מיר טרעפן אין פסוק (שמות כא, לא) "**או בן יגח או בת יגח**" און דאס מיינט דווקא **בני קיימא** ווייל אויף א נפל איז מען דאך פטור, און די גמרא זאגט דאך (שבת קלה:) אז א קינד וואס בלייבט לעבן פאר דרייסיג טעג איז שוין יצא מחזקת נפל, וועגן דעם שטייט דייקא ביי "**ובמלאת ימי טהרה**" דהיינו נאך וואס עס איז שוין אריבער לכל הפחות **דרייסיג טעג** אז דעמאלטס איז "**לבן או לבת**" דהיינו זיי זענען שוין זיכערע **בני קיימא.**

אבער הגם די דיני טומאת יולדת זענען די זעלבע אפילו ווען דאס קינד איז א נפל ר"ל, אבער קודם האט די תורה געשריבן "**לבן או לבת**" ווייל די תורה וויל נישט שרייבן קיין שלעכטס אויף אידישע קינדער, וועגן דעם שטייט קודם "**ובמלאת ימי טהרה לבן או לבת**" אז די תורה וויל אז די אידישע קינדער זאלן זיין **בני קיימא**, נאר צום סוף ענדיגט ער צו: **זאת תורת היולדת** "**לזכר או לנקבה**", אז למעשה איז די זעלבע דין "**לזכר או לנקבה**" אויך ביי א נפל, אבער לכתחילה וויל נישט די תורה דערמאנען אזא זאך אויף אידישע קינדער.

מיט דעם שטימט אויך פארוואס די תורה ענדיגט צו "**זאת תורת היולדת...**" אז דאס זענען די דינים פון א יולדת, און נאכדעם שטייט ווייטער "**ואם לא תמצא ידה די שה ולקחה שתי תורים**", פארוואס שטייט "**זאת תורת היולדת**" נאך פאר די תורה ענדיגט זאגן דעם דין פון א יולדת עניה?

נאר ווי געזאגט, דער אויבערשטער וויל נישט דערמאנען א נישט גוטע זאך אויף אידישע קינדער, ממילא וויל ער נישט אריינעמען א יולדת עניה אין די דיני יולדת, ווייל אדרבה, דער רצון ה' איז אז עס זאלן נישט זיין קיין ארעמעלייט ביי די אידן. וועגן דעם ענדיגט צו דער פסוק "**זאת תורת היולדת לזכר או לנקבה**" אז **דער דין פון די תורה איז** אז א יולדת זאל ברענגען **א בהמה** פאר א קרבן, נאר אויב נאר ח"ו וועט זיך מאכן אן ארעמאן זאל זי ברענגען טויבן פאר א קרבן, אבער לכתחילה לייגט מען דאס נישט אריין אין די דיני יולדת.

### לויט רבי שמעון לשיטתו איז דער טעם פונעם קרבן ווייל די פרוי האט געשוואוירן א שבועה

**והקריבו לפני ה' וכפר עליה...** (יב, ז)

די גמרא זאגט (נדה לא:) אז די תלמידים האבן געפרעגט רבי שמעון בר יוחאי: פארוואס דארף א יולדת ברענגען א קרבן לכפרה? האט ער געענטפערט: ווייל בשעת די לידה ווען זי האט אזא גרויסע צער שווערט זי אז זי גייט מער נישט ברענגען קיין קינדער מיט איר מאן, און נאכדעם האט זי חרטה אויף די שבועה וועגן דעם דארף זי ברענגען א קרבן לכפרה.

זענען דא וואס פרעגן, פארוואס האט מען געפרעגט די קשיא דייקא פון רבי שמעון בר יוחאי?

קען מען זאגן אז די קשיא איז נאר שווער לויט רבי שמעון בר יוחאי, ווייל אינ'אמת'ן איז בכלל שווער, וואס איז די פראבלעם אז די פרוי שווערט שלא תיזקק לבעלה, די הלכה איז דאך אז א מאן קען מיפר זיין זיין ווייב'ס נדרים 'בדברים שיש בהם עינוי נפש' און 'דברים שבינו לבינה', אויב אזוי קען ער דאך מיפר זיין איר נדר, איז וואס איז די פראבלעם אז זי האט געשוואוירן?

וועגן דעם האבן די תלמידים געפרעגט די קשיא דייקא פון רבי שמעון בר יוחאי, ווייל מיר טרעפן אז רבי שמעון איז 'דריש טעמא דקרא' (ב"מ קטו. ובכמה דוכתי), ממילא איז בשלמא רבנן וואס דרש'ענען נישט קיין טעם אויפן פסוק, קענען זאגן אז די קרבן חטאת האט נישט קיין טעם נאר דאס איז א גזירת הכתוב, אבער לויט רבי שמעון וואס דרש'ענט יא א טעם איז דאך שווער, ווייל אויב די טעם איז וועגן די שבועה שלא תיזקק לבעלה, איז דאך עס נישט גענוג קיין טעם, ווייל דער מאן קען עס דאך מיפר זיין?

וועגן דעם האט רבי שמעון געענטפערט 'לשיטתו' אז טאקע ווייל ער איז דריש טעמא דקרא איז יא דא א פראבלעם אז זי האט געשוואוירן. ווייל דער טעם אז א מאן קען מיפר זיין נדרי אשתו איז ווייל "כל הנודרת על דעת בעלה היא נודרת" (נדרים עג:) ממילא האט דער מאן א רעכט מיפר צו זיין אירע נדרים. אבער דא מחמת צער הלידה מאכט זי נישט דעם נדר על דעת בעלה - דהיינו נאר אויב ער איז מסכים, ממילא איז טאקע זייער גוט רבי שמעון לשיטתו אז דא קען דער נדר יא חל זיין און דער מאן קען דאס נישט מיפר זיין, ממילא איז טאקע דער טעם פונעם קרבן וועגן די שבועה.

### דער מצורע דארף כאפן אז די נגע איז א פגם הנפש און נישט קיין טבעיות'דיגע מחלה

**והצרוע אשר בו הנגע בגדיו יהיו פרומים וראשו יהיה פרוע... וטמא טמא יקרא.** (יג, מה)

פארוואס שטייט: "**והצרוע - אשר בו הנגע**", אויב עס שטייט שוין "והצרוע" ווייס איך דאך אז מען רעדט פון דעם "אשר בו הנגע"?

# די הייליגע צוואה

ומי שישתדל בהדפסתן
יהי' לו המחבר למליץ
אם יהי' לו זכות




**איר קענט שיקן קוויטלעך צום ציון הק' להפקד בדבר ישועה ורחמים**

פאראינטערעסירטע ביטע פארבינדט אייך צום מערכת


הגליון נתנדב ע"י

הרבני הנכבד

הר"ר **חנני' יו"ט ליפא זיכערמאן** הי"ו

זכות הפצת תורת הגה"ק מפלאצק זי"ע
יעמוד בעדו ובעד ב"ב לברכה והצלחה
בכל מעשי ידיהם


נאר דער סדר פון מענטשן איז צו באטראכטן א נגע צרעת ווי א נאטורליכע מחלה וואס קומט פון א בלוט פארגיפטיגונג אד"ג וואס שלאגט אויס קרעץ אויפן גוף, און וועגן דעם נעמט נישט דער מענטש אינאכט אז ער דארף תשובה טון כדי זיך אויסצוהיילן פונעם נגע צרעת.

אבער דער אמת איז אז דער נגע צרעת איז א רוחניות'דיגע מחלה וואס קומט צוליב א חטא פון לשון הרע וואס האט געמאכט א פגם אינעם נפש, און וועגן דעם הייסט ער "**מצורע**" וואס איז די ווערטער "**מוציא רע**" צו ווייזן אז דאס איז אים געקומען ווייל ער האט גערעדט לשון הרע, און זיין גאנצע רפואה איז נאר דורך תשובה ווען ער וועט אויסהיילן דעם פגם פון זיין נפש דעמאלטס וועט אויך דער נגע צרעת אוועקגיין.

וועגן דעם זאגט די תורה: "**והצרוע**" אויב דער מענטש קוקט זיך אן ווי א "**צרוע**" אז דאס איז נישט מער ווי א **נאטורליכע צרעת**, און דער מענטש האלט זיך נישט פאר א "**מצורע**" אז דאס איז געקומען ווייל ער איז געווען **מוציא רע** און ער האט פוגם געווען אין זיין נפש, און ממילא נעמט ער נישט אינאכט אז ער דארף תשובה טון, אבער דער אמת איז "**אשר בו הנגע**" אז דער נגע איז אין אים, דאס נעמט זיך פון א פגם **אין זיין נפש** איז וועגן דעם "**בגדיו יהיו פרומים**" זאל ער זיך צורייסן זיינע קליידער אא"וו, "**וטמא טמא יקרא**" און ער זאל אויסרופן אז דאס איז **א טומאה** און נישט קיין טבעיות'דיגע מחלה, נאר אזוי איז דא א האפענונג אז ער וועט צולייגן קאפ תשובה צו טון און אזוי וועט ער זיך קענען אויסהיילן פון די נגע צרעת.

**מלא העומר פרשת מצורע יד, א**

## א וואלענע בגד קען שנעלער כאפן א טומאה מצד דעם מענטש וואס טראגט דעם בגד

**והבגד כי יהיה בו נגע צרעת בבגד צמר או בבגד פשתים. או בְשְתִי או בְעֵרֶב לפשתים ולצמר.** (יג, מז-מח)

לכאורה דארף מען מדייק זיין, פארוואס הייבט ער אן: "**בבגד צמר או בבגד פשתים**" - קודם צמר און נאכדעם פשתים, און תיכף נאכדעם זאגט ער "**או בשתי או בערב לפשתים ולצמר**" - קודם פשתים און נאכדעם צמר?

נאר קודם רעדט דער פסוק פון א "**בגד**" וואס א מענטש גייט אנגעטון, קען מען זאגן אז א בגד קען כאפן א טומאה אויף צוויי אופנים, אדער מצד **דעם לובש** וואס טוט אים אן, ווייל דער מענטש איז טמא און דאס איז משפיע א טומאה אויף זיין בגד, אדער פארקערט, ווייל דער בגד איז נישט ראוי אז אן ערליכער איד זאל אים טראגן, ממילא כאפט ער א נגע.

יעצט אויב די טומאה קומט מצד דעם מענטש וואס טראגט דעם בגד כאפט דאס שנעלער ביי א בגד פון וואל, ווייל א וואלענער בגד ווארעמט דעם גוף מער ווי א פלאקסענער בגד, ממילא קען ער גרינגער נשפע ווערן פונעם גוף פונעם מענטש וואס טראגט אים. וועגן דעם ביי א בגד שטייט **והבגד כי יהיה "בו" נגע** - דאס מיינט אז די נגע קען זיין סיי אלס **דער בגד אליין** און סיי אלס **דעם מענטש** וואס טראגט עס, און וועגן דעם שטייט דארט קודם "צמר" און נאכדעם "פשתים", ווייל א בגד פון "צמר" קען שנעלער כאפן א נגע מצד דעם לובש ווייל ער האט א נענטערע שייכות מיט'ן גוף.

משא"כ "**בשתי או בערב**" וואס איז סתם א שטיקל סחורה וואס מען טוט נישט אן, דארט איז נישטא קיין חילוק צווישן צמר און פשתים, ווייל וויבאלד מען גייט נישט אנגעטון מיט דעם האט נישט די וואל מער שאנסן צו כאפן א טומאה ווי פלאקס, וועגן דעם שטייט קודם "**לפשתים**" און נאכדעם "**לצמר**" צו לאזן הערן אז דא האט נישט די צמר קיין שטערקערע סיבה טמא צו ווערן.

# פרשת מצורע

## אויב די סימני טומאה זענען אוועק קען מען אים מטהר זיין אפילו עס איז נאך דא א זכר פון א נגע

**וראה הכהן והנה נרפא נגע הצרעת מן הצרוע.** (יד, ג)

לכאורה וואלט ענדערש געדארפט שטיין "והנה נרפא הצרוע מן נגע הצרעת", ווייל נישט די 'נגע' ווערט אויסגעהיילט, נאר דער 'מצורע' ווערט אויסגעהיילט פונעם נגע צרעת?

קען מען זאגן, אז די תורה קומט דא מרמז זיין, אז אפילו אויב דער נגע איז נאכנישט אינגאנצן אויסגעמעקט געווארן, נאר עס איז נאְך געבליבן עפעס א סימן פון א נגע, אויב אבער די סימני טומאה זענען אוועק געגאנגען קען אים דער כהן שוין מטהר זיין כאטש עס איז נאך דא עפעס א צייכן פון א נגע.

וועגן דעם זאגט די תורה דייקא **והנה נרפא** "**נגע הצרעת**" און נישט **והנה נרפא** "**הצרוע**" צו לאזן הערן אז אפילו דער צרוע איז נאכנישט אינגאנצן אויסגעהיילט און עס איז נאך דא א זכר פון די נגע, אויב אבער די סימני טומאה פון די **נגע צרעת** איז שוין געווארן אויסגעהיילט, קען ער אים שוין מטהר זיין.


**מנדב צו זיין א גליון לשבוע זוכה צו זיין להבטחת הצדיק, אדער אנטייל צו נעמען אין די הוצאות, ביטע זיך ווענדן צו.**
gilyonplotzk@gmail.com | plotzk.org | (929) 260-4868